**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט אומפארגלייכבארע שטיצע פאר ערציאונג אין פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט, אריינגערעכנט $34.5 ביליאן פאר הילף אין סקול.**

***שולע הילף העכערונג פון $3 ביליאן, העכסטע שטאפל פון שטאטישע הילף, גענצליך פאנאנצירטע פונדעמענטאלע הילף.***

***$150 מיליאן העכערונג אין פרי קינדערגארטן***

***$134 מיליאן אין פארברייטערטע צוטריט צו פרייע סקול מאלצייטן***

***פארברייטערט ערציאונגס מעגליכקייטן מיט 22 פרישע טשארטער סקולס***

***היסטארישע אינוועסטירונג פאר SUNY'ס טראנספארמאציע און CUNY'ס סטראטעגישע געברויכן***

***$2.4 ביליאן אין נייע קאפיטל פאר SUNY און CUNY, די גרעסטע אינוועסטירונג אין 15 יאר***

***$381 מיליאן אין נייע אפעראציע הילף פאר SUNY און CUNY***

***$500 מיליאן שטאטישע מעטשינג פאנד פאר SUNY פינאנצירונג באשטייערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די היסטארישע ערציאונגס פאנדינג וואס ווערט אריינגערעכנט אין די פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט, אריינגערעכנט א רעקארד 34.5 ביליאן אין טאטאלע שולע הילף פאר די שול יאר 2024, צייכנדיג די העכסטע שטאפל פון שטאטישע הילף. די בודזשעט נעמט אויך אריין באדייטנדע אינוועסטירונגען פאר SUNY'ס טראנספארמאציע און CUNY'ס סטראטעגישע געברויכן.

"אלע ניו יארקער פארדינען זיך צוטריט צו א הויכע-קוואליטעט ערציאונג, פון פרי-קינדערגארטן דורכאויס זייער קאלעדזש גראדואירונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די הילף פון מאיאריטעט פירער סטועווארט קוזינס און ספיקער היסטי, וועט די אומפארגלייכבארע שטאפל פון טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען עפענען נייע טויערן פאר מער סטודענטן צו בויען א לעכטיגערע צוקונפט פאר זיך און וועלן זיך איינקויפן די קענטעניס וואס פעלט זיך אויס פאר ארבעט אינם צוקונפט."

**<u>היסטארישע P-12 עדיוקעישאן געלטער</u>**

**פולקאמע פינאנצירונג פון פונדעמענטאלע הילף**

די בודזשעט שפיגלט אפ גאווערנער האקול'ס שטארקע איבערגעגעבנשאפט צו עדיוקעישן דורך פארטיילן פרישע פאנדינג צו נאכקומען די געברויכן פון סטודענטן, לערערס, און שולעס. די בודזשעט נעמט אריין א היסטארישע $34.5 ביליאן אין טאטאלע שולע הילף, די העכסטע שטאפל פון שטאטישע הילף אין היסטאריע. דאס נעמט אריין $24 ביליאן פאר פונדעמענטאלע הילף-א $2.6 ביליאן דאלער העכערונג פון לעצטע יאר-צו אויספירן גאווערנאר האקול'ס צוזאג צו גענצליך פינאנצירן פונדעמענטאלע הילף די ערשטע מאל אין היסטאריע. ניו יארק טוט ווייטער צושטעלן די מערסטע עדיוקעישן פאנדינג פער סטודענט אינם לאנד. די פאנדינג וועט געבן פאר יעדע קינד אין ניו יארק די כלים צו מצליח זיין דורך א הויכע-קוואליטעט ערציאונג.

**אויסברייטערן יוניווערסאל פרי-קינדערגארטן**
גאווערנער האקול טוט אויך צושטעלן נאך $150 מיליאן דאלער צו פארברייטערן הויכע-קוואליטעט פרי-קינדערגארטן פראגראמען פאר 20,000 קינדער אין די שטאט, ברענגנדיג די שטאט'ס פאראייניגטע יערליכע פרי-קינדערגארטן אינוועסטירונג צו מער ווי $1.2 ביליאן. מיט די העכערונג, וועט די סטעיט זיין ארום 95 פראצענט ביסלעכווייז אינעם באגריף פון פולע יוניווערסאלע פרי-קינדערגארטן באצאלונג פאר 4-יעריגע קינדער.

**פארברייטערן צוטריט צו פרייע סקול מאלצייטן**
די בודזשעט טוט צושטעלן $134 מיליאן אין שטאטישע פאנדס צו מוטיגן נידריג-פארדינענדע פובליק און נישט פובליק שולעס צו אנטייל נעמען אין די פעדעראלע קאמיוניטי עלעדזשיביליטי פראוויזשן פראגראם, ערלויבנדיג אלע סטודענטן אין די שולעס צו עסן פרישטיג און מיטאג אומבאצאלט, אפגעזען פון זייער משפחה'ס איינקומפט.

**בויען אן ארבעטס קראפט פאר די צוקונפט**
די בודזשעט פארטיילט $20 מיליאן פאר פריע קאלעדזש הויך שולע ( Early College High School, ECHS) און פעטוועיס אין טעכנאלאגיע פריע קאלעדזש הויך שולע ( Pathways in Technology Early College High School, P-TECH) פאנדינג צו ערלויבן סטודענטן צו פארדינען קאלעדזש קרעדיטס אין הויך שול, ארגעניזירט לויט ווי דאס געברויך פון סקול דיסטריקטס. די בודזשעט טוט אויך אריינעמען נאך $10 מיליאן צו בויען א געזונטע הויך שולע - צו - קאלעדזש ארבעטס קראפט פייפליין. די פאנדינג וועט זיין צו באקומען פאר סקול דיסטריקטס, הנהלות פון קאאפערטיוו עדיוקעישענל סערוויסעס ( boards of cooperative educational services, BOCES), און קאמיוניטי קאלעדזשעס צו אנטוויקלען סטרעטעגישע ארבעטס קראפט פלענער וואס טוען איוסהייבן ארבעטס גרייטקייט. די אנווענדונגען וועלן העלפן טראנספארמירן ניו יארק'ס ערציאונגס סיסטעם, צוגרייטנדיג סטודענטן פאר ארבעט פון די צוקונפט.

**רעפארמירן ספעציעלע עדיוקעישן שכר לימוד ראטע אויסשטעל**
די בודזשעט נעמט אריין $2.5 מיליאן פאר די סטעיט עדיוקעישן דעפארטמענט צו שטודירן און אויסמאלן א נייע ראטע אויסשטעלונג מעטאדעלאגיע צו פארשנעלערן און פארבעסערן די צייט אפשניט פון שכר לימוד ראטעס פאר ספעציעלע עדיוקעישן שולעס. די פאנדינג וועט העלפן פארזיכערן ספעציעלע עדיוקעשן פארטיילער זאלן קענען ווייטער צושטעלן הויכע קוואליטעט סערוויסעס פאר סטודענטן מיט באגרעניצונגען.

**פארברייטערערן ערציאונגס מעגליכקייטן מיט 22 פרישע טשארטער סקולס**
די אקטיזירטע בודזשעט וועט אויטאריזירן דאס ווידער עפענונג פון 22 טשארטער שולעס וואס זענען אריגינעל געגעבן געווארן פאר טשארטער שולעס וואס זענען שוין צוגעמאכט. די וועט ערלויבן נאך 14 פרישע טשארטער שולעס זיך צו עפענען אין ניו יארק סיטי און אכט טשארטער שולעס און די איבריגע טייל פון די סטעיט.

## <u>אינוועסטירן פאר SUNY'ס טראנספארמאציע און CUNY'ס סטראטעגישע געברויכן</u>

די בודזשעט טוט צושטעלן אן אומפארלייכבארע שטאפל פון שטיצע פאר די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) און די סיטי יוניווערזיטעט פון ניו יארק ( City University of New York, CUNY). דאס נעמט אריין פאנדינג צו ארייננשטעלן גאווערנער האקול'ס וויזיע פאר די טראנספארמאציע פון SUNY אין סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין CUNY. די פאנדינג וועט העלפן ביידע סיסטעמען צו העכערן די איינשרייבונג און פארענדיגונגס ראטעס, צוגרייטן סטודענטן פאר נאכגעזוכטע ארבעט, פארזיכערן אן אויסנאמע סטודענט דורכגאנג, אויפנעמען די בעסטע שטאב, און צושטעלן א ברייטע אויסוואל פון דיגריס און קרעדענטאלס.

**צושטעלן $2.4 ביליאן דאלער פאר נייע קאפיטל פראיעקטן ביי SUNY און CUNY קאמפוסן**
די בודזשעט טוט אינוועסטירן $2.4 ביליאן דאלער אין נייע פאנדינג פאר SUNY און CUNY קאפיטל פראיעקטן צו פארבעסערן די קאמפוס אנשטאלטן און מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו שטיצן טוישונגען און די וואוקס פון ביידע סיסטעמען. פראיעקטן וועלן ארייננעמען אנשטאלט פאריכטונגען אין SUNY און CUNY, מאדערנע דיגיטאלע און טעכנעלאגישע סיסטעמען, פארנדינג פאר נייע און איבערגעבויטע ריסורטש געביידעס, לאבארטאריעס, הערליכע אינסטרומענטן, און דאס אויפהאלטן די עקזיסטירנדע SUNY און CUNY קאמפוס אנשטאלטן אין א גוטע צושטאנג. דאס נעמט אריין $1.3 ביליאן דאלער פאר SUNY סטעיט אנגעפירטע קאמפוסעס, $919 מיליאן דאלער פאר CUNY סיניאר קאלעדזש, $106 מיליאן פאר SUNY קאמיוניטי קאלעדזש, און $120 מיליאן פאר CUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס.

**העכערן סטעיט שיטצע פאר SUNY און CUNY קאמפוסן**
די בודזשעט נעמט אריין $256 מיליאן דאלער אין נייע, אנגייענדע געווענליכע אפערערונג הילף פאר SUNY סטעיט אנגעפירטע קאמפוסעס ($163 מיליאן דאלער) און CUNY סיניאר קאלעדזשעס ($93 מיליאן דאלער) און נאך $125 מיליאן דאלער ($75 מיליאן דאלער פאר SUNY, $50 מיליאן פאר CUNY) פאר איינמאליגע אינוועסטירונגען אין טראנספארמאטיווע טוישונגען וואס שטיצן נייע געדאנקען, העלפן נאכקומען די ארבעטס קראפט נויטיגונגען פאר די צוקונפט, און שטעלן צו נויטיגע שטיצע פאר סטודענטן. אין צוגאב, טוט די בודזשעט אפמאך ארייננעמען א מולטי יעריגע צוזאג צו צושטעלן פאר SUNY און $90 CUNYמיליאן (4 פערצענט) געווענליכע אפערעציעס הילף העכערונגען ($54 מיליאן דאלער פאר SUNY, $36 מיליאן דאלער פאר CUNY) אין יעדע פון די פאלגנדע צוויי אקעדימישע יארן און צושטעלן ביידע סיסטעמען מיט בויגזאמקייט צו פארגרעסערן נאן רעזידענט שכר לימוד צו איינשטעלן פרישע קעמפוס אפערעיטינג פארדינסטן.

**$500 מיליאן שטאטישע מעטשינג פאנד פאר SUNY פינאנצירונג באשטייערונגען**
די באשטעטיגטע בודזשעט טוט שאפן די ערשטע ניו יארק מעטשינג פאנד פאר ביישטייערונגען געמאכט צו די פינאנצירונג פון SUNY'ס פיר יוניווערזיטעט צענטערן: באפעלאו, סטאוני, ברוק, אלבאני, און בינגהעמטאן. די פאנד וועט פארטיילן $1 אין שטאטישע פאנדס פאר יעדע $2 באשטייערט צו יוניווערזיטעט פינאנצירונגען, ביז צו $500 מיליאן דאלער אין סטעט פאנדס.

**שטיצן קאמיוניטי קאלעדזשעס**
די בודזשעט נעמט אריין $138 מיליאן דאלער אין פאנדינג פלאר צו אנהאלטן די יעצטיגע קאמיוניטי קאלעדזש פאנדינג שטאפלען, אויסמיידנדיג א פארלוסט אין די פארמולע שטיצע צוליב רעגיסטרירונג נידערונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418